**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/2/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל פארלאנגט פעדעראלע עמערדזשענסי דעקלעראציע פאר 14 דאַונסטעיט קאַונטיס**

***דעקלעראציע פארלאנגט פאר בראנקס, דאטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, פאטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סאליוועט, אלסטער און וועסטשעסטער קאַונטיס נאכפאלגנדיג ברייט פארשפרייטע שאדן פון די איבערבלייבענישן פון האריקעין איידא***

***פארלאנג פאר די עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אוועילעבעל [דא](#)***

***בילדער פון גאווערנאר האוקאל אונטערשרייבנדיג די עמערדזשענסי דעקלעראציע וועלן פארעפענטליכט ווערן [דא](#)***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז זי האט פארלאנגט א פעדעראלע עמערדזשענסי דעקלעראציע פאר 14 דאַונסטעיט קאַונטיס נאכפאלגנדיג די ברייט פארשפרייטע שאדן וואס די איבערבלייבענישן פון האריקעין איידא האבן אנגעמאכט. די דעקלעראציע איז פארלאנגט געווארן פאר די פאלגנדע קאַונטיס: בראנקס, דאטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, פאטנעם, קווינס, ריטשמאנד, ראקלענד, סופאלק, סאליוועט, אלסטער און וועסטשעסטער. איינמאל די דעקלעראציע וועט ארויסגעגעבן ווערן, וועט די סטעיט באקומען פעדעראלע הילף אין פארעם פון מאנשאפטן, עקוויפמענט, סופלייס און פינאנציעלע שטיצע צו העלפן מיט די אנגייענדע רעאקציע, רעטונג און ערהוילונג באמיאונגען וועלכע זענען נויטיג צו ראטעווען לעבנס און באשיצן פובליק געזונט און זיכערהייט. אין צוגאב, איינמאל די דעקלעראציע וועט ארויסגעגעבן ווערן, וועלן פריוואטע מענטשן זיין בארעכטיגט פאר צייטווייליגע האוזינג און באגרעבעניש הילף. די פארלאנג פאר די עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אוועילעבעל [דא](#).

פריער דעם צופרי האט גאווערנאר האוקאל דעקלערט א [סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי](#) פאר די 14 קאַונטיס און זי האט געשיקט [נאך סטעיט אגענטור מיטלען](#) צו די הודסאן וועלי, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען צו העלפן קאמיוניטיס זיך ערהוילן נאך וואס די איבערבלייבענישן פון האריקעין איידא האבן אדורכגעשניטן די דאַונסטעיט ראיאן מיטוואך נאכט, און היסטארישע מאסן פון רעגנס, פאראורזאכנדיג פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען, עלעקטריציטעט בלעקאַוטס און א צושטאנד פון לעבנס געפאר אין עטליכע געגנטער.

"ניו יארק סיטי און די דאַונסטעיט ראיאן זענען שווער באטראפן געווארן דורך רעקארד-ברעכנדע רעגן וואס האט אנגעברענגט סכנות'דיגע פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען, חרוב געמאכט געביידעס און אינפראסטראקטור און איבערגעלאזט מענטשן געשטראנדעט", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיר זענען נאכאלץ אינמיטן די פראצעדור פון פארשטיין די אמת'דיגע טיפקייט פון די חורבנות וועלכע זענען אנגעמאכט געווארן דורך די היסטארישע וועטער פאסירונג. אזוי ווי מיר גייען ווייטער אן מיט אונזערע ערהוילונג באמיאונגען און מיר הויבן אן צו אפשאצן די שאדן, טוה איך אפיציעל פארלאנגען אז די פעדעראלע רעגירונג זאל ארויסגעבן אן עמערדזשענסי דעקלעראציע צו פארזיכערן אז מיר באקומען די פינאנציעלע שטיצע און סיי וועלכע אנדערע הילף וואס מיר וועלן מעגליך דארפן פאר אונזערע איינוואוינער און ביזנעסער וועלכע זענען באטראפן געווארן פון די שטורעם."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן